**אויף תיכף ארויסצוגעבן: 1/26/2024** **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול הייבט ארויס בודזשעט אינוועסטירונגען אין מערב ניו יארק**

***סיטי אָוו טאָנעוואַנדע צו באקומען 10 מיליאן דאלאר פון שטאַט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו; טאון אָוו אוראָרע און ווילעדזש אָוו גאָוואַנדע צו באקומען 4.5 מיליאן דאלאר יעדע איינע פון NY Forward***

***באפעלאו אוניווערסיטעט אויסגעקליבן צו זיין היים פאר Empire AI, אן ערשט-קלאסיגע ארטיפישעל אינטעלידזשענס צענטער***

***Tesla וועט אינוועסטירן 500 מיליאן דאלאר אין לויף פון די קומענדיגע פינף יאר צו אינסטאלירן נייע Dojo 'סופּער-קאמפיוטער' ביי Riverbend Gigafactory אין באפעלאו צו ארבעטן אויף דרייווערלאזע קארן***

***50 מיליאן דאלאר צו שטיצן לאקאל-געטריבענע אנטי-ארימקייט איניציאטיוון, אריינרעכענענדיג 12.25 מיליאן דאלאר פאר באפעלאו***

***ארגאניזאציע פון "איין נעטווארק פאר ראיאנישע פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג שותפות'ן" צו עפענען ארבעטסקראפט אנטוויקלונג צענטערן אין פיר לאקאציעס אריבער אפסטעיט וואו די השפעה דערפון וועט זיין באדייטנד***

***4 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר Roswell Park Cancer Institute צו פינאנצירן נייע ברוסטקאסטן און פראסטעיט קענסער סקרינינג מאבילן און אויסברייטערן סקרינינג אקטיוויטעטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט ארויסגעהויבן בודזשעט אינוועסטירונגען אין דעם מערב ניו יארק ראיאן. די סיטי אָוו טאָנעוואַנדע וועט באקומען 10 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג אלס די מערב ניו יארק געוואונער אין די זיבעטע רונדע פון די 'שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו', און אזוי אויך באקומען די ווילעדזש אָוו גאָוואַנדע און די טאון אָוו אוראָרע/העמלעט אָוו וועסט פאָלס – אלס די היי יאריגע מערב ניו יארק ראיאן NY Forward געווינער – 4.5 מיליאן דאלאר יעדע איינע. די גאווערנער האט אויך אנאנסירט אז באפעלאו אוניווערסיטעט איז אויסגעקליבן געווארן צו זיין די היים פאר Empire AI, אן ערשט-קלאסיגע ארטיפישעל אינטעלידזשענס צענטער. אין צוגאב, האט גאווערנער האקול אנאנסירט 50 מיליאן דאלאר אין איינמאליגע פעדעראלע "צייטווייליגע הילף פאר נויטיגע פאמיליעס" פינאנצירונג צו שטיצן לאקאל-געטריבענע אנטי-ארימקייט איניציאטיוון, אריינרעכענענדיג 12.25 מיליאן דאלאר פאר באפעלאו. ארויפבויענדיג אויף די בודזשעט, האט די גאווערנער ארגאניזירט "איין נעטווארק פאר ראיאנישע פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג שותפות'ן" צו אוועקשטעלן ארבעטסקראפט אנטוויקלונג צענטערן אין פיר לאקאציעס אריבער אפסטעיט ניו יארק וואו די השפעה דערפון וועט זיין באדייטנד. און צום שלוס, האט גאווערנער האקול אנאנסירט 4 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר Roswell Park Cancer

Institute צו פינאנצירן נייע ברוסטקאסטן און פראסטעיט קענסער סקרינינג מאבילן און צו אויסברייטערן סקרינינג אקטיוויטעטן.

"עס איז געקומען די צייט צו פארערכטן די אומרעכטן פון די פארגאנגענהייט, און מיר טוהען דאס דורכן פארזעצן אונזער פארפליכטונג צו צוריק אויפבויען און אונטערהייבן די קאמיוניטיס ארום די סטעיט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די אינוועסטירונגען וועלן העלפן אויפלעבן אונזערע הערליכע שטאטישע צענטערן, שאפן דזשאבס צו שטיצן די לאקאלע עקאנאמיע און גיבן פאר ניו יארקער מער געלעגנהייטן און אפציעס פאר א סיפוק'דיגע לעבן אויף ווייטער."

בויענדיג אויף די שוואונג פון די סטעיט'ס ערפאלגזאמע שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI), נעמט דער $100 מיליאן NY Forward פראגראם אן די זעלבע "פלאנט-דערנאך-אקט" פלאן ווי די DRI אבער פאר ניו יארק'ס קלענערע קאמיוניטיס און אזעלכע וועלכע זענען ארויס פון שטאט.ביידע שטעלן צוזאם סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע אויספירונג צו שטיצן א מער גלייכע אויפשטייג פון שטאט-צענטערן.מיט די גאווערנער'ס פארפליכטונג לעצטע יאר פון 100 מיליאן דאלאר פאר די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו און פאר NY Forward, האט די סטעיט יעצט שוין אינוועסטירט א סך הכל פון 1 ביליאן דאלאר איןביידע פראגראמען זייט זיי זענען אוועקגעשטעלט געווארן. דער גאווערנאר האט פארגעשלאגן נאך $100 מיליאן פאר יעדע פראגראם, צוקומענדיג צו א סך הכל פון $200 מיליאן, אין איר פיסקעל יאר 2025 עקזעקיוטיוו בודזשעט.

**10 מיליאן דאלארדיגע שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו גרענט פאר טאָנעוואַנדע**
די סיטי אָוו טאָנעוואַנדע'ס DRI גרענט וועט ארויפבויען אויף צען יאר פון ערפאלגרייכע סטעיט און לאקאלע אינוועסטירונגען צו ארויסנעמען די מאקסימום פאטענציאל פאר אויפלעבונג. די סיטי'ס פלאן וועט אויסנוצן איר סטראטעגישע לאקאציע און שאצבארע וואסער ברעגע אייגנשאפטן צו בויען א מער אריינעמנדע און בליהענדע אטמאספערע. DRI פראיעקטן זענען קאנצענטרירט צו ברענגען רעגירונג און פריוואטע אינוועסטירונגען צו די וואסער ברעגע כדי צו צוציהען מער איינוואוינער, באזיכער און עקאנאמישע אקטיוויטעט צו די שטאט-צענטער. די פארשידנארטיגע געמיש פון רעגירונג און פריוואטע פראיעקטן רעכענען אריין איבערבויאונגען פון ליידיגע געביידעס אין שטחים מיט אויסגעמישטע צוועקן פון האוזינג און ביזנעס; דעוועלאפמענט פון- און צוטריט צו- וואסער ברעגע; טרעיל פארבעסערונגען; פארבעסערונגען צו די אויסקוק פון די געסער; פלאץ פאר געשעענישן; און טוריזם אטראקציעס.

טאָנעוואַנדע'ס "צווילינג שטאט", נארט טאָנעוואַנדע, בלויז אריבער די ערי קאנאל, האט באקומען א DRI גרענט אין רונדע 5 פונעם פראגראם אין 2021. ביידע DRI שטאט-צענטער געגנטער געפונען זיך אויפן קאנאל פון די קעגנאיבערדיגע זייטן, און זיי שטיצן צוטריט און דעוועלאפמענט פון די וואסער ברעגע.

**4.5 מיליאן דאלארדיגע NY Forward גרענטס פאר אוראָרע און גאָוואַנדע**
די טאון אָוו אוראָרע וועט קאצענטרירן איר NY Forward גרענט אויף די העמלעט אָוו וועסט פאָלס וואס שפילט א היסטארישע ראלע אלס א הויפט שטעטלישע צענטער לענגאויס די קעזענאָוויע וואסער שטרוים. די פלאן וועט אויסנוצן די העמלעט'ס נאטורליכע אייגנשאפטן, באחנ'טע שטעטלישע כאראקטער און אקטיווע קאמיוניטי צו שאפן א מער אריינעמנדע, פיסגייער-פריינטליכע און גרינע קאמיוניטי פאר איינוואוינער און באזיכער וואס רעכנט אריין אייגנארטיגע לאקאלע איינריכטונגען און געזונטע, פאמיליע-אריענטירטע דרויסנדיגע און קולטורישע אקטיוויטעטן. פארגעשלאגענע NY Forward פראיעקטן רעכענען אריין א רענאווירטע לייבררערי און קאמיוניטי צענטער; א קאמפלעקס פאר אויסגעמישטע צוועקן מיט פארשידנארטיגע האוזינג; אייגנארטיגע אלגעמיינע געשעפט און בלובערי פארם; פארבעסערטע קאנצערטן און קונסטווערק צענטער; אויפגעראכטענע באן דיפאָו; און פארבעסערונגען צו באן רעלסן פאר מערערע באנוצן.

די ווילעדזש אָוו גאָוואַנדע האט שוין אנגעגרייט די ערד פאר אן אויפלעבונג פון איר שטאט-צענטער דורכן ארומנעמען איר פאטענציאל אלס אן אמת'ע קליינע-שטעטל דעסטינאציע, זיך באנעמנדיג מיט פריערדיגע פלאנירונג און מאכנדיג סטראטעגישע אינוועסטירונגען. די NY Forward גרענט וועט ארויפבויען אויף די שוואונג און ערפילן די קאמיוניטי'ס חזון פאר די שטאט-צענטער דורכן נוצן איר רייכע היסטאריע און שפע פון נאטורליכע קוואלער אלס א יסוד פאר עקאנאמישע וואוקס, דאס אויפבויען אייגנארטיגע אטראקציעס און די אנגייענדע אינוועסטירונג אין עקזיסטירנדע פארוויילונג פארמעגנס. פארגעשלאגענע פראיעקטן רעכענען אריין דאס אויפרעכטן די היסטארישע Hollywood Theatre; פארבעסערונגען צו די ניו יארק און לעיק ערי באן אויספלוגן; רייניגונג און איבערבויאונג פון א פארפעסטיגטע שטח דעזיגנירט אלס פעדעראלע 'סופערפאָנד' שטח צו ווערן 'געיטוועי פארק', שטייענדיג לענגאויס די קעטערעגוּס וואסער שטרוים ביי די וואסערן פון די Zoar Valley Multiple Use Area; און דאס אויפבויען א קליינע ברייערי.

די סיטי אָוו טאָנעוואַנדע איז צוגעטיילט געווארן 10 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג און אינוועסטירונגען אויפצולעבן איר שטאטישע געגנט און שאפן נייע געלעגנהייטן פאר לאנג-טערמיניגע וואוקס נאכפאלגנדיג די לאקאלע פלאנירונג פראצעדור. טאָנעוואַנדע שליסט זיך אן מיט דזשעימסטאון, אָוליען, לאקפארט, ניאגרא פאָלס, באפעלאו, נארט טאָנעוואַנדע און דאָנקירק, וועלכע זענען געווען מערב ניו יארק'ס געווינער אין די ערשטע זעקס DRI רונדעס.

טאָנעוואַנדע וועט אנהויבן דעם פראצעדור פון אנטוויקלען א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן צו אויפלעבן איר שטאט-צענטער מיט ביז אזויפיל ווי $300,000 אין פלאנירונג געלטער פון די 10 מיליאן דאלארדיגע DRI גרענט. א לאקאלע פלאנירונג קאמיטע, צוזאמענגעשטעלט פון פארשטייער פון די לאקאלע רעגירונג, קאמיוניטי פירער און אנדערע פארמישטע פארטייען, וועלן אנפירן די באמיאונגען, געשטיצט דורך א מאנשאפט פון מומחים פון דעם פריוואטן סעקטאר און סטעיט פלאנירער. דער סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועט אונטערזוכן ארטיגע אייגנשאפטן און געלעגנהייטן און אידענטיפיצירן עקאנאמישע אנטוויקלונג, טראנספארטאציע, האָוזינג און קאמיוניטי פראיעקטן וועלכע זענען אין איינקלאנג מיט יעדע קאמיוניטי׳ס בליק פאר דאונטאון ווידער-אויפלעבונג און זענען גרייט אויף באלד איינצופירן. דער סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועט פירן די אינוועסטירונג פון DRI גרענט געלטער אין ווידער-אויפלעבונג פראיעקטן וועלכע וועלן פאראויס-פירן דער קאמיוניטי׳ס בליק פאר איר דאונטאון געגנט און קענען אויסניצן און פארברייטערן אויף דער סטעיט׳ס 10 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג. פלענער פאר די DRI'ס זיבעטע רונדע וועלן פארענדיגט ווערן אין 2024.

אוראָרע און גאָוואַנדע וועלן יעצט אנהויבן דעם פראצעדור פון אנטוויקלען א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן צו אויפלעבן זייערע שטאט-צענטערן. א לאקאלע פלאנירונג קאמיטע, צוזאמענגעשטעלט פון פארשטייער פון די לאקאלע רעגירונג, קאמיוניטי פירער און אנדערע פארמישטע פארטייען, וועלן אנפירן די באמיאונגען, געשטיצט דורך א מאנשאפט פון מומחים פון דעם פריוואטן סעקטאר און סטעיט פלאנירער. די סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועט נעמען אין באטראכט לאקאלע פארמעגנס און געלעגנהייטן צו אידענטיפיצירן פראיעקטן וועלכע זענען אין איינקלאנג מיט די חזון פון יעדע קאמיוניטי און אזעלכע וועלכע זענען גרייט צו אויסגעפירט ווערן. די געלטער וועלן צוגעטיילט ווערן פאר אויסדערוועהלטע פראיעקטן פון די סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועלכע האבן די גרעסטע פאטענציאל צו אונטערהייבן אויפלעבונג און ברענגען נייע געלעגנהייטן פאר לאנג-טערמיניגע וואוקס.

**איבער די שטאט-צענטער אויפלעבונג אונטערנעמונג**

די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 2016 צו פארשנעלערן און פארברייטערן די אויפלעבונג פון שטאטישע צענטערן און געגנטער אין אלע צען ראיאנען פון די סטעיט צו דינען אלץ צענטערן פון אקטיוויטעט און טרייב קרעפטן פאר אינוועסטירונג. ווערנדיג אנגעפירט דורך די סטעיט דעפארטמענט מיט הילף פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, די הײמער און קאמיוניטי רינוּעל

און NYSERDA — איז די DRI א פרעצעדענטלאזע און שעפערישע "אומר ועושה" סטראטעגיע וואס פארט צוזאם סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע אויספירונג, און די רעזולטאטן דערפון זענען געדיכטע, פיסגייער-פריינטליכע שטאט צענטערן וואס זענען א הויפט באשטאנדטייל אינעם העלפן ניו יארק סטעיט צוריק אויפבויען איר עקאנאמיע נאך די ווירקונגען פון די קאוויד-19 פאנדעמיע, און אזוי אויך צו ערלייכן די סטעיט'ס דרייסטע קלימאט ציהלן דורכן שטופן פאר דאס באנוץ מיט פובליק טראנספארטאציע און רעדוצירן דאס זיין געוואנדן אויף פריוואטע קארן.

אין די ערשטע זעקס יאר פון דעם פראגראם האט די סטעיט פארשפראכן 700 מיליאן דאלאר צו אינוועסטירן אין 69 שטאט-צענטערן וועלכע זענען רייף צו אויפגעלעבט ווערן און וועלכע האבן די פאטענציאל צו ווערן ווי א מאגנעט צו צוציהען נייע דעוועלאפמענטס, ביזנעס, דזשאבס, מער עקאנאמישע און האוזינג פארשידנארטיגקייט און געלעגנהייטן. אנטיילנעמענדע קאמיוניטיס ווערן נאמינירט דורך די סטעיט׳ס 10 ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס באזירט אויף די דאונטאון׳ס פאטענציעל פאר טראנספארמאציע. יעדע קאמיוניטי ווערט געשאנקען $10 מיליאן צו אנטוויקלען א דאונטאון סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן און אדורכפירן וויכטיגע סטימולירטע פראיעקטן וואס פראגרעסירט די קאמיוניטיס וויזיע אויפצולעבן און אויסניצן מער פריוואטע און פובליק אינוועסטירונגען. מער אינפארמאציע איבער די DRI איז פארעפנטליכט [דא](#).

**איבער דעם NY Forward פראגראם**
[NY Forward](#) איז א צענטראלע באשטאנדטייל פון די סטעיט'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג פאליסי. דער פראגראם ארבעט אין צוזאמענהאנג מיט די DRI צו פארשנעלערן און אויסברייטערן די אויפלעבונג פון קלענערע און שטעטלישע שטאט-צענטערן אריבער די סטעיט כדי אלע קאמיוניטיס זאלן קענען בענעפיטירן פון די סטעיט'ס אויפלעבונג באמיאונגען, אפגעזעהן פון גרויסקייט, כאראקטער, געברויכן און שוועריגקייטן.ביידע פראגראמען שאפן א שטאפל פון לעבהאפטיגקייט אין שטאט-צענטערן אין יעדן ראיאן פון די סטעיט וואס בארייכערט עקאנאמישע אנטוויקלונג, קוואליטעט פון לעבן און געזעלשאפטליך-עקאנאמישע פארשידנארטיגקייט.

איינמאל NY Forward קאמיוניטיס באקומען די געלטער, ווערן זיי געשטיצט דורך א פראפעסיאנאלער פלאנירונג קאנסאַלטענט און א מאנשאפט פון סטעיט אגענטור עקספערטן אנגעפירט דורך די DOS צו אויפקומען מיט א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וואס רעכנט אריין א רייע פון טראנספארמאטיווע, ערגענצנדע און ארבעט'ס-גרייטע פראיעקטן. די פארנעם פון NY Forward פראיעקטן ווערן צוגעפאסט צו די גרויסקייט פון יעדע קאמיוניטי; פראיעקטן קענען אריינרעכענען רענאוואציע און איבערבויאונגען פון געביידעס, נייע קאנסטרוקציע אדער אויפבויאונג פון נייע אדער פארבעסערטע פובליק ערטער, און אזוי אויך אנדערע פראיעקטן וועלכע בארייכערן ספעציפישע קולטורישע און היסטארישע אייגנשאפטן וועלכע גיבן א באדייט און אייגנארטיגקייט מיט די שטעטלישע חן וואס נעמט ארום די געגנטער.

די סטראטעגישע אינוועסטירונג פלענער און פראיעקטן ווערן געטריבן דורך א לאקאלע פלאנירונג קאמיטעט, וואס פירט אדורך ברייטע באמיאונגען צו ארבעטן צוזאמען מיט די קאמיוניטי. די סטעיט דעפארטמענט שטעלט אויך צו ברייטע טעכנישע הילף און וועבינארן איבער וויאזוי צו בויען קאפאציטעט – מיט אויפטרעטנדע איינגעשטעלטע, עקספערטן און אנדערע אין ענטליכע מצבים פון די DRI קאמיוניטיס – וועלכע זענען אויסגעשעלט צו שטיצן קאמיוניטיס וועלכע האבן מעגליך ווייניגער מיטלען און קאפאציטעט ווי גרעסערע, מער שטאטישע קאמיוניטיס.

**ארטיפישעל אינטעלידזשענס קאמפיוטער צענטער**
Empire AI איז א גרופע פון פובליק און פריוואטע אקאדעמישע שותפים וואס וועלן אויפבויען און זיך באנוצן מיט אן ערשט-קלאסיגע ארטיפישעל אינטעלידזשענס קאמפיוטער צענטער וואס וועט זיך געפונען אין באפעלאו אוניווערסיטעט, צו ערמעגליכן ערפינדונגען, פאראנטווארטליכע פארשונג און עקאנאמישע

אנטוויקלונג. איבער 400 מיליאן דאלאר אין רעגירונג און פריוואטע פינאנצירונג איז צוגעזאגט געווארן צו אויפשטעלן Empire AI, ארייינרעכנענדיג ביז אזויפיל ווי 275 מיליאן דאלאר אין סטעיט גרענטס און אנדערע סארטן פינאנצירונג.

די גאווערנער האט פאראדנט פאר די אפיס פון אינפארמאציע טעכנאלאגיע סערוויסעס (Office of Information Technology Services, ITS) צו ארויסקומען מיט א פאליסי אויף AI – די ערשטע פון די סארט – צו אוועקשטעלן די פרינציפן און סטאנדארטן לויט וועלכע סטעיט אגענטורן קענען אפשאצן און אננעמען AI סיסטעמען צו בעסער באדינען ניו יארקער.

גאווערנער האקול האט אויך אנאנסירט אז Tesla, אן אמעריקאנע קאר און ריינע-ענערגיע פירמע, וועט אינסטאלירן איר 500 מיליאן דאלארדיגע Dojo סופער-קאמפיוטער וואס האט די כוח צו קענען פראצעסירן מיליאנען פון טעראבייטס פון דאטא פון Tesla'ס עלעקטרישע קארן אין די Riverbend Gigafactory, וואס שטייט אין באפעלאו, ערי קאונטי. די דאטא וועט ערלויבן פאר די פירמע צו פארבעסערן די זיכערהייט און אינדזשענירונג פון אירע פולשטענדיג דרייווערלאזע קארן און קארן וואס האבן פארגעשריטענע צוגעהאלפענע דרייווען מעגליכקייטן. Tesla'ס באשלוס האט גענומען אין באטראכט ניו יארק'ס פארלעסליכע עלעקטריציטעט סופליי, די סטאבילע פלוס פון טאלאנטפולע ארבייטער און די שטח וואס איז דא צו גענוצט ווערן פאר דעם פראיעקט.

**אנטי-ארימקייט אינציאטיוו**
גאווערנער האקול האט אנאנסירט 50 מיליאן דאלאר אין איינמאליגע פעדעראלע "צייטווייליגע הילף פאר נויטיגע פאמיליעס" (Temporary Assistance for Needy Families, TANF) פינאנצירונג צו שטיצן לאקאל-געטריבענע אנטי-ארימקייט אינציאטיוון, ארייינרעכנענדיג 12.25 מיליאן דאלאר פאר די סיטי אָוו באפעלאו. ניין פון די צען ערשטע ניו יארק סטעיט זיפּ קאודס מיט די העכסטע קינדער ארימקייט שטאפלען געפונען זיך אין אפּסטעיט ניו יארק, און מער פון האלב פון די קינדער אין די זיפּ קאודס זענען פון פאמיליעס וואס לעבן אונטער די פעדעראלע ארימקייט שטאפל.

**איין נעטווארק פאר ראיאנישע פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג שותפות'ן**
גאווערנער האקול האט ארגאניזירט "איין נעטווארק פאר ראיאנישע פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג שותפות'ן" (One Network for Regional Advanced Manufacturing Partnerships, ON-RAMP) צו אוועקשטעלן ארבעטסקראפט אנטוויקלונג צענטערן אין פיר לאקאציעס אריבער אפסטעיט ניו יארק וואו די השפעה דערפון וועט זיין באדייטנד. דאס בויט ארויף אויף די גאווערנער'ס פארפליכטונג צו צוגרייטן ניו יארקער פאר די דזשאבס פון די צוקונפט מיט עטליכע פארשלאגן צו פארשטערקערן ארבעטסקראפט אנטוויקלונג אריבער ניו יארק סטעיט. ON-RAMP אפפערט קרעדענטשעלס און טרענירונג אין פארבינדונג מיט פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג, און עס קאנצענטרירט זיך אויף דאס צושטעלן געלעגנהייטן פאר שוואכערע באפעלקערונגען. דער פראגראם וועט זיך קאנצענטרירן אויף ראיאנען אין אפּסטעיט ניו יארק, לענגאויס די I-90 שאסיי, פון די באפעלאו-סירעקיוס-ראטשעסטער טעכנאלאגישע צענטער ביז אלבאני, נאכגעמאכט נאך די מוסטער פון באפעלאו'ס Northland ארבעטסקראפט טרענירונג צענטער.

ON-RAMP וועט אונטערטרייבן שותפות'ן צווישן ארבעטסגעבער, בילדונג אינסטיטוציעס, קאמיוניטי ארגאניזאציעס און סטעיט און לאקאלע רעגירונגען. יעדע צענטער וועט אויפבויען די סקילס פון די לאקאלע ארבעטסקראפט, פארבינדן ארבעטסגעבער מיט די פעהיגע ארבייטער וואס זיי דארפן און אויפבויען עקאנאמישע ראמפעס' צו טרענירונג, אפּרענטיסשיפּס און באשעפטיגונג פאר שוואכערע באפעלקערונגען.

**Roswell Park Cancer Institute**

די גאווערנער האט אויך אנאנסירט 4 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג פאר Roswell Park Cancer Institute צו פינאנצירן נייע ברוסטקאסטן און פראסטעיט קענסער סקרינינג מאבילן און אויסברייטערן סקרינינג אקטיוויטעטן. אין אקטאבער פון 2023 האט גאווערנער האקול אנאנסירט ניו יארק'ס ערשטע צעל און גען טעראפיע צענטער ביי Roswell Park Comprehensive Cancer Center אין באפעלאו, ערי קאונטי.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן